**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט שריט צו מאדערניזירן סטעיט ארבעטסקראפט און רעגירונג אפעראציעס אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024**

***אנגעהויבן פון יולי 2023 ביז ענדע פון דעצעמבער 2025, וועט ניו יארק סטעיט מוותר זיין אויף באצאלונגען צו נעמען 'ציווילע סערוויס' בחינות צו שטופן פאר גלייכע צוטריט צו קאריערעס אין סטעיט רעגירונג***

***ציווילע סערוויס בחינות וועלן קענען גענומען ווערן מער אפט און וועלן ערמעגליכן מאקסימום בויגזאמקייט פאר אפליקאנטן***

***צוועלף סטעיט-אנגעפירטע בחינה צענטערן צו אויפגעשטעלט ווערן אריבער די סטעיט צו מאכן סטעיט ציווילע סערוויס בחינות מער צוגענגליך פאר אלע וועלכע זוכן דזשאבס***

***רעכנט אריין פארברייטערונג פון 55-B רעקרוטירונג פראגראם צו פארברייטערן דזשאב געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס צוזאגן אין 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו צוריק אויפבויען פובליק ארבעטסקראפט און העלפן די רעגירונג ארבעטן בעסער פאר אלע ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט עטליכע שריט צו מאדערניזירן ניו יארק'ס פובליק ארבעטסקראפט און צו מאכן די רעגירונג אפעראציעס מער געשליפן אלץ טייל פון די היסטארישע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. די שריט רעכענען אריין דאס עלימינירן די באצאלונגען פאר ציווילע סערוויס אפליקאציעספאר סטעיט בחינות; דאס אפפערן ציווילע סערוויס בחינות אויף אן אנגייענדן פארנעם; און דאס פארברייטערן די סטעיט'ס עקזיסטירנדן 55-B רעקרוטירונג פראגראם צו פארמערן דזשאב געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. צוזאמען טוהען די שריט ווידערהאלן די גאווערנער'ס צוזאג צו מאכן די רעגירונג ארבעטן מער געשליפן פאר ניו יארקער.

"זינט מיינע ערשטע טעג אלץ א קלעריק אין ערי קאונטי, בין איך געווען אנטשלאסן צו שניידן 'רויטע טעיפ' און אוועקנעמען ביוראקראטישע שטרויכלונגען אין רעגירונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פונעם שטופן פאר גלייכע צוטריט צו קאריערעס אין ציווילע סערוויס ביזן פארברייטערן דזשאב געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס — רעכנט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 אריין טראנספארמאטיווע שריט וועלכע וועלן מאדערניזירן די סטעיט ארבעטסקראפט און מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר אלע ניו יארקער."

נאכפאלגנדיג די קאוויד-19 פאנדעמיע האט ניו יארק סטעיט זיך פארמאסטן מיט באדייטנדע שוועריגקייטן ביים רעקרוטירן מענטשן, מיט די סטעיט רעגירונג ארבעטסקראפט האבנדיג א מאנגל פון

אומגעפער 14,000 ארבייטער לויט סטעיט ציפערן. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אריין עטליכע סעיפים – צום ערשט אנאנסירט אין די גאווערנער'ס 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע – צו צוציהען און האלטן ביי זיך די מערסטע טאלאנטפולע מענטשן און צו פארגרעסערן די פארשידנארטיגקייט פון די פובליק ארבעטסקראפט צו בעסער אפשפיגלען די ארבעטסקראפט פון ניו יארק סטעיט.

**<u>מאכן ציווילע סערוויס בחינות מער צוגענגליך</u>**
די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 וועט ערלויבן ציווילע סערוויס בחינות צו ווערן געאפפערט אויף אן אנגייענדן פארנעם צו גיבן פאר קאנדידאטן מער געלעגנהייטן צו נעמען בחינות — א טויש וואס וועט אויך בענעפיטירן סטעיט אגענטורן און לאקאלע רעגירונגען. ביז היינט זענען בחינות געווענטליך אפגעהאלטן געווארן אויף א נישט רעגלמעסיגן פארנעם, און דאס האט געמיינט אז אויב א קאנדידאט האט פארפעהלט די בחינה אויף איין טאג האבן זיי נישט געקענט נעמען די בחינה ביז די קומענדיגע דאטום. דורכן אפהאלטן בחינות אפטער מיט א מאדערנע און ווירקזאמע בחינה פראצעדור, וועלן סטעיט אגענטורן און לאקאלע רעגירונגען האבן א גרעסערע אויסוואהל פון קוואליפיצירטע קאנדידאטן צו אנפילן קריטישע פאזיציעס אין די רעגירונג. בחינות וועלן אויך געאפפערט ווערן אין פארשידענע פארמאטן, אריינרעכענענדיג בחינות דורך די אינטערנעט און אזוי אויך דורכן פערזענליך אראפקומען צו 12 ניי-אויפגעשטעלטע סטעיט-אנגעפירטע קאמפיוטער-באזירטע בחינה צענטערן פאר סטעיט ציווילע סערוויס בחינות.

**<u>מוותר זיין אויף ציווילע סערוויס בחינה באצאלונגען</u>**
ציווילע סערוויס בחינה באצאלונגען קענען דינען אלץ א באדייטנדע שטער צו קענען אננעמען א פובליק סערוויס פאזיציע, באזונדערס פאר קאנדידאטן פון קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש געווען מער באזייטיגט. כאטש די באצאלונג איז שוין פון לאנג נישט איינגעמאנט געווארן פון וועטעראנען און פון מענטשן וועלכע זענען ארבעטסלאז און אויף פובליק הילף, דאס מוזן די מערהייט פון מענטשן וואס נעמען די בחינה באצאלן א סומע צו קענען נעמען די בחינה. די בודזשעט וועט שטיצן די וויתור אויף די באצאלונג, אנגעהויבן פון יולי 2023 ביז דעצעמבער 2025, צו אוועקנעמען די שטרויכלונג פאר מענטשן וואס ווילן נעמען די סטעיט ציווילע סערוויס בחינות.

**<u>פארמערן דזשאב געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס</u>**
די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 פארשטערקערט די 55-B ספעציאליזירטער רעקרוטירונג פראגראם צו פארמערן דזשאב געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. אונטער די פלאן וועט ניו יארק סטעיט פארגרעסערן די צאל פון סטעיט פאזיציעס פאר וועלכע ארבייטער ווערן אויפגענומען דורך דעם פראגראם צו עפענען נייע קאריערע אפציעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די וואוקס פון דעם פראגראם וועט שאפן מער געלעגנהייטן פאר באדייטפולע באשעפטיגונג געלעגנהייטן אין ניו יארק סטעיט רעגירונג צווישן די גרופע וואס איז היסטאריש נישט פארטרעטן געווארן אין די ארבעטסקראפט ווי אנדערע.

**<u>מאדערניזירן ניו יארק סטעיט איינקויפונגען</u>**
אלץ טייל פון גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו מאכן רעגירונג פראצעדורן מער געשליפן, מאכט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 אפיציעל די גאווערנער'ס עלעקטראנישע איינקויפונג (eProcurement) אינציאטיוו צו מאכן צענטראליזירטע קאנטראקטן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) מער איינפאך, מער מאדערן און מער צוגענגליך. די בודזשעט ערלויבט אויך צו מאכן עלעקטראנישע ליציטאציעס, מאכנדיג גרינגער פאר ניו יארקער צו טוהן ביזנעס מיט ניו יארק סטעיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען און נאָן-פראפיט קערפערשאפטן. נוצנדיג עלעקטראנישע איינקויפונג וועט די סטעיט אויך מאכן די פראצעדורן מער דורכזיכטיג, מאכן גרינגער צו אנטיילנעמען (באזונדערס פאר ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען), פארבעסערן די ערפארונג פון די איינקויפנדע אגענטורן, און אזוי אויך וועט דאס צושטעלן מער

אינפארמאציע און ציפערן וואס וועלן ערמעגליכן צו מאכן בעסערע באשלוסן כדי צו בעסער ערפילן די באדערפענישן פון ניו יארקער.

**גאווערנער האקול'ס 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע**

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 בויט ארויף אויף עטליכע איניציאטיוון וועלכע זענען אנאנסירט געווארן אין גאווערנער האקול'ס 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו פארשטערקערן די פובליק ארבעטסקראפט און רעגירונג אפעראציעס. די גאווערנער האט אנאנסירט אין די פארגאנגענהייט אז פאזיציעס פון 'ציווילע סערוויס ספעציאליסטן' זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין די לעיבאר דעפּארטמענט'ס קאריערע צענטערן, פאר מענטשן וועלכע וועלן דינען אלץ פארמיטלער צווישן די וועלכע זוכן דזשאבס און די דעפּארטמענט פון ציווילע סערוויס און אנדערע סטעיט אגענטורן, צו העלפן קאנדידאטן זיך אן עצה גיבן מיט די 'ציווילע סערוויס קוואליפיקאציע סיסטעם' (Civil Service Merit System) און זיי גיבן מער שטיצע ביים דורכקוקן אפענע דזשאב געלעגנהייטן אין די סטעיט רעגירונג. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט א פילפאכיגע מארקעטינג קאמפיין צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט די פילע פארשידנארטיגע קאריערע אפציעס וועלכע זענען דא אין פובליק סערוויס און די אייגנארטיגע בענעפיטן פון ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן